בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קס"ט

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת כי תצא
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - אוֹיסְנִיצְן יֶעדְן טָאג -

### אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט אַ תְּפִלָּה

טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט נָאר אַ שַׁייְכוּת מִיט קִינְדֶער אִין אַ מוֹסָד; יֶעדֶער וָואס דְרֵייט זִיךְ נֶעבְּן דִי קִינְדֶער פוּן אַלֶע יָארְגֶענְג, פוּן דִי גַאנְץ קְלֵיינֶע בִּיז דִי גְרוֹיסֶע. יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אֵיידֶער מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג, דַארְף מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ הָאסְט מִיךְ אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַ פְּלַאץ מִיט דַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ; אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן, אוּן קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט וֵויי טוּן; אִיךְ זָאל נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער".**

### אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיוּת אוּן אַ לֶעבְּהַאפְט

אֵיינֶע פוּן דִי גָאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס מְחַנְּכִים דַארְפְן לֵייגְן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעוִויכְט אִיז אַרַיינְצוּבְּלָאזְן אַ חַיוּת אוּן אַ לֶעבְּהַאפְט אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זֵיי מַאכְן שְׁפִּירְן וֶוערְד.

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט בֶּאֱמֶת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי אַ קִינְד אִינְדֶערְהֵיים אַ גַאנְץ יָאר; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס אִינְדֶערְהֵיים קוּקְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג מֶען זָאל גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן קִינְד אוּן אִים מַאכְן שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד.

### אַ קִינְד מִיט אַסַאךְ עֶנֶערְגִיֶע

דָאס אִיז דָאךְ דִי גַאנְצֶע חָכְמָה פוּן זַיין אַ מְחַנֵּךְ. בְּלוֹיז זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס רִירְן זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם פְּלַאץ אוּן זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג וִוי גֶעלֶעמְט, אִיז דָאךְ פָּשׁוּט אוּן גְרִינְג. אַ גוּטֶער מְחַנֵּךְ אִיז דֶער וָואס זוּכְט אַ וֶועג צוּם הַארְץ פוּנֶעם קִינְד - וָואס פְּרוּבִּירְט יֶעדֶע רֶגַע אִים אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי גְלֵייזְן; אֵיין מִינוּט שָׁאקְלְט עֶר דֶעם טִישׁ, דֶערְנָאךְ שְׁטֶערְט עֶר זַיין שָׁכֵן, דֶערְנָאךְ גֶעבְּט עֶר אַ לַאךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - כְּדֵי דָאס קִינְד זָאל אִים אוֹיךְ וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ קִינְד שְׁטֶערְט אַסַאךְ אִין כִּתָּה, קוּמְט עֶס פוּן דֶעם וָואס דָאס קִינְד הָאט אַ שְׁטַארְקֶע עֶנֶערְגִיֶע וָואס לָאזְט אִים נִישְׁט רוּאִיג זִיצְן אוֹיפְן פְּלַאץ. דֶערְפַאר, אוֹיבּ דֶער מְחַנֵּךְ אִיז קְלוּג, וֶועט עֶר אוֹיסְטְרַאכְטְן מִיט זַיין מֹחַ אַ וֶועג וָואס אִיז גֶעאֵייגְנְט פַאר דֶעם סְפֶּעצִיפִישְׁן קִינְד, אִים צוּ מַאכְן צוּפְרִידְן אוּן אִים גֶעבְּן דָאס גֶעפִיל אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד אוּן עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף אִין כִּתָּה. דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר אוֹיפְבּוֹיעֶן אַן אֱמֶת'ן נָאנְטְשַׁאפְט צוּם קִינְד, בִּיז דָאס קִינְד וֶועט אִים וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן.

### גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער

יֶעדֶער מְחַנֵּךְ וָואס פַארְנֶעמְט סַיי וֶועלְכֶע פָּאזִיצִיֶע אִין אַ מוֹסָד - סַיי דִי וָואס זִיצְן מִיט זֵיי אִין דִי כִּיתּוֹת, אוּן סַיי דִי אִיבֶּערִיגֶע שְׁטַאבּ מִיטְגְלִידֶער, לְמָשָׁל: אַ מִיטָאג מְלַמֵּד, אַ מִיטָאג לֶערֶערִין, אַ בָּאס מְלַמֵּד, אַ בָּאס לֶערֶערִין, אַ סֶעקְרֶעטַאר, אַן אָפִיס אַרְבֶּעטֶער, אַ הֶעלְפֶער, אָדֶער אַ בֶּעבִּי סִיטֶער פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי לֶערֶערִינְס - דַארְף אוֹיסְנִיצְן זַיין אַמְט צוּ גֶעבְּן לֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער.

וֶוען אִימֶער מֶען דְרֵייט זִיךְ צְוִוישְׁן דִי וֶוענְט פוּן דִי מוֹסָד אוּן אַ קִינְד גֵייט אַייךְ אַרִיבֶּער, הָאט מֶען דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ גֶעבְּן לֶעבְּן פַארְן קִינְד בְּלוֹיז דוּרְךְ אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט.

לָאמִיר גֶעבְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַן אָפִיס אַרְבֶּעטֶער. וֶוען אַ קִינְד קוּמְט קְלַאפְּן אִין אָפִיס אוּן בֶּעט צוּ בָּארְגְן אַ שֶׁערְל, זֶענֶען דָא עֶטְלִיכֶע וֶועגְן וִויאַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן: מֶען קֶען צֶעקְלַאפְּן דָאס קִינְד אוּן זָאגְן: **"הֶער אוֹיף צוּ קְלַאפְּן! מֶען טֵיילְט יֶעצְט נִישְׁט קֵיין שֶׁערְלֶעךְ!"** אָדֶער קֶען מֶען פָּשׁוּט יָא גֶעבְּן דֶעם שֶׁערְל. אָבֶּער נָאךְ בֶּעסֶער אִיז צוּ גֶעבְּן פַארְן קִינְד - אִינְאֵיינֶעם מִיטְן שֶׁערְל - אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, וָואס וֶועט מַאכְן דָאס קִינְד שְׁפִּירְן 'אִיךְ בִּין עֶפֶּעס וֶוערְד'.

זָאגְט פַארְן קִינְד: **"דָא הָאסְטוּ דֶעם שֶׁערְל; אֵייבִּיג וֶוען דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס, זָאלְסְטוּ קוּמֶען קְלַאפְּן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן"**, אָדֶער: **"דוּ בִּיסְט אַזַא גֶעשְׁמַאק קִינְד!" "הָאסְט אַ נַייעֶ הֶעמְד? עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין!" "דוּ זֶעסְט אוֹיס אַזוֹי אֵיידְל; אוֹיבּ אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֶועל אִיךְ זֵיי זָאגְן וָואס פַאר אַן אֵיידְל קִינְד דוּ בִּיסְט".**

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ בֶּעבִּי סִיטֶער; מֶען זִיצְט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט זֵיי. מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא דָא, אוּן עֶר זֶעט צִי מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער נֶעבֶּעךְ אָפְּוֵויינֶען, אָדֶער מֶען גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי מִיט גֶעטְרֵיישַׁאפְט; מֶען גֶעבְּט זֵיי צוּ עֶסְן אִין צַייט אוּן מֶען טוֹישְׁט זֵיי, וְכַדוֹמֶה.

אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן

אוֹיךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן שְׁמֵייכְלֶען; זֵיי קֶענֶען טַאקֶע נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן מִיטְן מוֹיל, אָבֶער דָאךְ שְׁפִּירְן זֵיי יֶעדֶעס גוּט וָוארְט אוּן הַארְצִיגֶע צוּגַאנְג.

### אוֹיפְלֶעבְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְן בָּאס

אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אַרוֹיפְצוּשִׁיקְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְן בָּאס, קֶען אָדֶער הַאקְן דִי קִינְדֶער אוֹיף דִי קֶעפּ אוּן שְׁרַייעֶן: **"נוּ, גֵיי שׁוֹין!"** אָדֶער קֶען עֶר רֶעדְן רוּאִיג, אוּן כְּסֵדֶר אַרַיינְוַוארְפְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ לֶערֶערִין וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט מִיט צוּ פָארְן אוֹיפְן בָּאס מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז זֵיי זִיצְן שֵׁיין אוֹיפְן פְּלַאץ, אָדֶער אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם אַמְט, נָאר מֶען פָארְט פָּשׁוּט מִיט אוֹיפְן בָּאס כְּדֵי אָנְצוּקוּמֶען אַהֵיים. מֶען קֶען אָדֶער כְּסֵדֶר שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער: **"נוּ, זֶעץ דִיךְ שׁוֹין אַרָאפּ!"** אָדֶער קֶען מֶען אוֹיפְלֶעבְן דִי קִינְדֶער; אוֹיבּ מֶען זֶעט אוֹיף אַ קִינְד אַן אוֹיסְגֶעלָאשְׁנְקֵייט אִין דִי אוֹיגְן, וֶועט מֶען צוּגֵיין צוּ אִים אוּן זָאגְן: **"דוּ בִּיסְט אַזַא וואוֹיל קִינְד"**, **"דוּ בִּיסְט אַזַא טֵייעֶר קִינְד"**.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר דְרֵייוְוט שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אַ בָּאס פַאר אַ מוֹסָד, אוּן זַיין מְנַהֵל זָאגְט אִים כְּסֵדֶר: **"זָאלְסְט וִויסְן אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זָאגְן מִיר קְלָאר אַז זֵייעֶר קִינְד קוּמְט אִין חֵדֶר נָאר וַוייל דוּ בִּיסְט דֶער בָּאס דְרֵייוֶוער! וֶוען נִישְׁט דִיר וָואלְט עֶר שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ זוּכְן אִין חֵדֶר; קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, עֶר קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר וַואלְגֶערְט זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי כִּתָּה, אוּן נָאר אַ דַאנְק דֶעם וָואס דוּ נֶעמְסְט אִים אוֹיף מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט אוּן דוּ מַאכְסְט אִים שְׁפִּירְן גוּט - דוּ שְׁטֶעלְסְט אִים צוּ זַיין דַיין גַבְּאַי אוֹיפְן בָּאס, אוּן אוֹיבּ עֶר פֶעלְט אֵיין טָאג פְרֶעגְסְטוּ אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג: 'אוֹי, וואוּ בִּיסְטוּ נֶעכְטְן גֶעוֶוען?' - נָאר צוּלִיבּ דֶעם וִויל עֶר נָאךְ קוּמֶען אִין חֵדֶר".**

### דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. זָאגְט זֵיי אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח), אַז מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פְלַאקֶערְן אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְצֵיילְט זֵיי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי אַמָאלִיגֶע קְרֶעטְשְׁמֶערְס, אַז אַ אִיד הָאט גֶעדִינְגֶען אַ קְרֶעטְשְׁמֶע פוּנֶעם פָּרִיץ, אוּן בַּיים סוֹף יָאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ בַּאצָאלְן דִי אַרֶענְדֶע הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט; הָאט אִים דֶער פָּרִיץ גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז אוֹיבּ עֶר בַּאצָאלְט נִישְׁט, וֶועט עֶר אַרַיינְוַוארְפְן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִין תְּפִיסָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶער אִיד אִיז גֶעלָאפְן צוּם צַדִיק, דֶער צַדִיק הָאט אִים אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעָה.

### אוֹיסְנִיצְן דִי צֶעפָּארֶענֶע טֶעג

אַסַאךְ מָאל קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר מְחַנְּכִים אוֹיף גֶעוִויסֶע טֶעג - לְמָשָׁל אוּם פְרַייטָאג וֶוען עֶס אִיז נָאר דָא אַ הַאלְבֶּע טָאג חֵדֶר אָדֶער שׁוּלֶע, אָדֶער אַ וָואךְ וָואס וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעהַאקְט אִינְדֶערְמִיט דוּרְךְ יָמִים טוֹבִים, אָדֶער אִין דִי טֶעג פַאר אַ יוֹם טוֹב וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דֶערְבֵּיי צוּם לֶערְנֶען, וַוייל זֵייעֶרֶע קֶעפּ לִיגְן בַּיי דִי פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס אָדֶער בַּיי דִי אֲפִיקוֹמָן'ס - אַז דֶעמָאלְט קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן מִיט דִי קִינְדֶער.

זָאלְט אִיר וִויסְן אַ כְּלַל: מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וֶועלְכֶער טָאג אוּן וֶועלְכֶע דְרָשָׁה עֶס וֶועט פוֹעֶלְ'ן בַּיי דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. עֶס קֶען זַיין אַז דַוְקָא אִין דִי צֶעפָּארֶענֶע טֶעג, וֶוען מֶען טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוֹיבּ מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְן גוּטֶע דִיבּוּרִים"**, אוּן מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, אוּן פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן - אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס דִי דִיבּוּרִים וֶועלְן פוֹעֶלְ'ן אוּן מַאכְן אַ דוּרְכְבְּרוּךְ אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קיב): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין זַיין לֶעבְּן אַרוֹיסְצוּזָאגְן אַן אֱמֶת'ן דִיבּוּר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן: עַל פִּי רוֹב וֵוייסְט נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶוען דִי אֱמֶתְ'עֶ תְּפִלָּה גֵייט זַיין; אַמָאל קֶען זַיין אַז דַוְקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִילְט זִיךְ וַוייט אוּן הַאלְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז אַ דוּרְכְפַאל, אוּן עֶר זָאגְט אַרוֹיס אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרוּקֶענֶערְהֵייט - אַז פִּינְקְט דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִים דִי אֱמֶתְ'עֶ תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה: דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר הָאט גֶעקֶענְט זֶען מִסוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אֵיין יָאר פַאר פֶּסַח הָאט זִיךְ דֶער תַּלְמִיד אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג כְּדֵי צוּ זַיין בַּיי זַיין רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב. לְמַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט אַז דֶער וָואגְן הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אִינְמִיטְן וֶועג, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אוֹיף פֶּסַח אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אִין אַ דָארְף בַּיי אַ פּוֹיעֶר אִינְדֶערְהֵיים.

דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן פוּן דֶעם וָואס עֶס הָאט דָא פַּאסִירְט מִיט אִים; עֶר גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן פְּלוּצְלִינְג גֶעפִינְט עֶר זִיךְ אִין אַזַא פַארְוָוארְפֶענֶע פְּלַאץ בַּיי אַ דָארְפְסְמַאן אִין שְׁטוּבּ.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם סֵדֶר, הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מוֹחִין, עֶר הָאט אָפְּגֶערָאכְטְן דֶעם סֵדֶר גָאר פָּשׁוּט; עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי הַגָּדָה, גֶעגֶעסְן דִי מַצָּה אוּן גֶעטְרוּנְקֶען דִי פִיר כּוֹסוֹת פָּשׁוּט אָן קַיין שׁוּם כַּוָּנוֹת, אוּן גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן.

צוּמָארְגְנְס וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מַה כָּל הָרַעַשׁ? נָאר וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן דַארְף אִיךְ זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן? אִיךְ וֶועל דָא פְּרַאוֶוען אַ סֵדֶר וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין!' עֶר אִיז אַרַיין אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת אוּן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵייליךְ. עֶר הָאט אָפְּגֶערָאכְטְן דֶעם צְוֵוייטְן סֵדֶר

## המשך שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט גָאר שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְּן אוּן גֶעפִילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הֶעכֶערְקֵייט דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן סֵדֶר.

גְלַייךְ וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן חוֹל הַמוֹעֵד הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג וַוייטֶער צוּ זַיין רֶבִּי'ן קַיין לוּבְּלִין. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה אוֹיפְגֶענוּמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר נַאכְט? דוּ הָאסְט גֶעלָאכְטְ אִין אַלֶע הִימְלֶען!"** הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן: **"מִן הַסְתַּם מֵיינְט דֶער רֶבִּי דִי צְוֵייטֶע סֵדֶר נַאכְט"**. הָאט אִים דֶער חוֹזֶה גֶעזָאגְט: **"זָאג מִיר נִישְׁט וָואס אִיךְ מֵיין; אִיךְ פְרֶעג דִיר וואוּ דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע סֵדֶר נַאכְט!"** הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט פְּרַאוֶוען דֶעם סֵדֶר אִין שְׁטוּבּ פוּן אַ פָּשׁוּטְ'ן דָארְפְסְמַאן, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעזָאגְט גָאר פָּשׁוּט אוּן טְרוּקְן דִי גַאנְצֶע הַגָדָה מִיט אַלֶע סִימָנִים פוּן 'קַדֵשׁ וּרְחַץ'.

הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעזָאגְט: **"דַוְקָא דֶעמָאלְט, וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי נִידְרִיג אוּן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ מוּזְט פִירְן אַזַא פָּשׁוּטְ'ן סֵדֶר, פִּינְקְט דֶעמָאלְט הָאסְטוּ גֶעלָאכְטְן אִין אַלֶע הִימְלֶען"**.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען בֶּאֱמֶת קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וֶועלְכֶער טָאג, וֶועלְכֶע תְּפִלָּה אָדֶער וֶועלְכֶע מִינוּט עֶס אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ וֶוען אַ מְחַנֵךְ רֶעדְט צוּ קִינְדֶער; מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן וֶועלְכֶע דִיבּוּרִים עֶס וֶועלְן עֶנְדְלִיךְ פּוֹעֵלְ'ן בַּיי זֵיי אִין הַאֶרְץ. עֶס קֶען זַיין אַז דַוְקָא אִין יֶענֶעם טָאג וָואס דֶער מְחַנֵךְ טְרַאכְט בַּיים אַהֵיימְגֵיין: 'הַיינְט הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן', אַז פִּינְקְט דֶעמָאלְט הָאט עֶר אוֹיפְגֶעטוּן פִיל מֶער וִוי אַנְדֶערֶע טֶעג.

### רֶעדְן אֵיידֶער עֶס אִיז נוֹגֵעַ

מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג פוּנֶעם יָאר צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן אִיבֶּער עִנְיָנִים וָואס זֶענֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט נוֹגֵעַ לְמַעֲשֶׂה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין נִסָיוֹן דֶערִין, וַוייל אַסַאךְ מָאל אִיז שְׁוֶוערֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ אָנְצוּנֶעמֶען אַ זַאךְ אוֹיבּ עֶס אִיז אִים שׁוֹין נוֹגֵעַ.

לֶערֶערִינְס דַארְפְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר אוּן דֶעקְט זִיךְ צוּ דֶעם קָאפּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאגְן, אַז דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט דוּרְךְ דֶעם שֵׁיין אוּן לִיכְטִיג, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן גָאר הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

### דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת פוּן מְחַנְכִים

ווָאוֹיל אִיז פַאר דִי מְחַנְכִים וָואס גֶעבְּן זִיךְ אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי; זֵיי לֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער. זֵיי לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן נִיצְן אוֹיס יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג פוּנֶעם יָאר, אֲפִילוּ אִין דִי צַייטְן וֶוען עֶס דַאכְט זִיךְ אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן מִיט זֵיי.

וִויפִיל מֶען וֶועט נָאר רֶעדְן, וִויפִיל מֶען וֶועט נָאר אוֹיסְרִימֶען, אוּן וִויפִיל מֶען מֵיינְט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְחַנֵךְ - הָאט מֶען נָאכְאַלְץ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אוּן מַשִּׂיג זַיין דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן זְכוּת פוּן אַרְבֶּעטְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; צוּ זִיצְן מִיט רֵיינֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן צוּ אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט אוּן וֶוערְד בַּיי זִיךְ.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### פַארְוָואס זָאלְן דִי קִינְדֶער זַיין גוּט, אַז אִיךְ בִּין אַ גָארְנִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק אַז אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִילַת הַשְׁלָ"ה אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ.

עֶס פִילְט זִיךְ אָבֶּער אַבִּיסְל מָאדְנֶע, אִיךְ אַלֵיין בִּין נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶרְוַוארְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס - קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט; דָאס אַז דוּ ווִילְסְט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דוּ זָאגְסְט דִי תְּפִילַת הַשְׁלָ"ה אוּן דוּ בִּיסְט מִתְפַּלֵל אוֹיף אִידִישׁ פַאר גוּטֶע קִינְדֶער - דָאס וַוייזְט אַז דוּ בִּיסְט יָא גוּט אוּן דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט בְּרִיוו, אִין יֶעדֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת פַאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער - קוּמְט מוֹהֲרָא"שׁ אַלְץ צוּרִיק אַז דִי שְׁלִיסְל אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע צְוֵויי בְּרִידֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְפֶער אַ קִינְד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט

# בְּרִיוֹון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט רוּט אוֹיף אִים, זֵיי הָאבְּן גֶעפְּרֶעגְט דֶעם קִינְד וואוּ עֶר וואוֹינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶען דֶעם טַאטְן, אִים נָאכְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַזַא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם אִיד, אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד וָואס דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט וִוי קוּמְט צוּ אַזַא פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד אַזַא הֵיילִיג קִינְד.

זֵיי הָאבְּן גֶעפְּרֶעגְט אוּן גֶעפְּרֶעגְט, בִּיז דִי וַוייבּ הָאט גֶעזֶען וִוי זֵיי עַקְשְׁנְ׳עֶן זִיךְ, הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי זְמִירוֹת, בַּיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם יוֹם יוֹם וֶוען אִיר מַאן קוּמְט אָן צוּ דִי וֶוערְטֶער: ״וְזַכֵּנוּ לִרְאוֹת בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת״ – ווֵיינְט עֶר, עֶס רִינְט אִים טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן, עֶר זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶר פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת, אַזוֹי חַזֶר׳ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדְן שַׁבָּת; הָאבְּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער גֶעזָאגְט, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי וִוי קוּמְט אַזַא הֵיילִיג קִינְד צוּ אַזֶעלְכֶע פָּשׁוּטְ׳עֶ עֶלְטֶערְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; דֶער קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעוואַקְסְן דֶער צַדִּיק רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויצא, שנת תשפ״ה)

## וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן וֶוען אַ קִינְד נֶעמְט אַוֶועק פוּנֶעם קְלֶענֶערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין גְרוֹיסֶע מֵיידְל, פִינְף יָאר אַלְט, הַאלְט אִין אֵיין אַוֶועקְנֶעמֶען דִי צוּמִיס פוּן אִירֶע יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער?

דָאס מַאכְט מִיר אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִיר, אִיךְ שְׁרֵיי אוֹיף אִיר אוּן אִיךְ סְטְרַאשֶׁע אִיר מִיט שְׁטְרָאפְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל מַסְבִּיר גֶעוֶוען אוּן גֶערֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר אַז זִי זָאל נִישְׁט נֶעמֶען דִי צוּמִיס אִין מוֹיל, וַוייל זִי אִיז שׁוֹין גְרוֹיס אוּן עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אִיר, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם גֶעשֶׁעט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל כְּסֵדֶר, אוּן נָאכְדֶערְצוּ גֵייט עֶס אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס וֵויינֶען אַז מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע צוּמִיס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ זָאל רֶעאַגִירְן אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע וֶועג אוּן שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן, אָדֶער קֶען אִיךְ עֶס אִיגְנָארִירְן וִוי לַאנְג עֶס גֵייט נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קְלֶענֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טוּסְט נִישְׁט גוּט אַז דוּ וֶוערְסְט בְּכַּעַס אוּן דוּ דֶערְשְׁרֶעקְסְט אִיר, נִישְׁט אַזוֹי הָאט אוּנְז מוֹהֲרַא״שׁ גֶעלֶערְנְט; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז חִינוּךְ אִיז פַארְשְׁטֵיין דָאס קִינְד, דַיין טָאכְטֶער פוּן פִינְף יָאר וִויל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, זִי זֶעט וִוי מֶען גֶעבְּט דִי גַאנְצֶע לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי בּוּבַּאלֶעךְ, דָאס מַאכְט אִיר אַז זִי זָאל נֶעמֶען דִי צוּמִי וְכוּ׳.

וֶוער נִישְׁט בְּכַּעַס אוּן סְטְרַאשֶׁע נִישְׁט וְכוּ׳, וֶוען דוּ זֶעסְט דַיין טָאכְטֶער נֶעמְט אַוֶועק דִי צוּמִי פוּן דִי בֶּעבִּי זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט אוּן אִיר אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען אַז זִי אִיז אַזוֹי וואוֹיל אוּן אַזוֹי גוּט, וֶועסְטוּ זֶען וִוי זִי וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיין צוּרִיק גֶעבְּן דִי צוּמִי אוּן זִי וֶועט הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער.

שְׁרַייעֶן אוּן סְטְרַאשֶׁען דָאס אִיז נִישְׁט דִי אִידִישֶׁע וֶועג, דָאס אִיז נֶערְוֶוען אוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט; וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט – דָאס אִיז חִינוּךְ.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, דִי בַּחוּרִים וַוארְטְן, אִיךְ דַארְף זֵיי גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תבוא, שנת תשפ״ה)

## חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך פון דער ראש ישיבה שליט״א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com


**קוֹל בְּרֶסְלֶב**

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876